בחצרות
סאטמאר
צענטער פאר אלע נייעס, בילדער און מודעות בחצרות סאטמאר די בכל אתר ואתר

בעזהשי"ת

יום ד' פ' בהר | ז' אייר | תשע"א | פסחים: כ"ד.

# באריכט:

## בקודש פנימה

נעכטן נאכט ווען דער רבי שליט"א האט געוויילט אין שטאט אויפצונעמען אנ"ש ווי יעדן דינסטאג, איז דער רבי שליט"א קודם געווען אין בארא פארק מנחם אבל זיין ביי מחותנו האדמו"ר מ'מאשאלוי שליט"א וועלכער זיצט אצינד שבעה ל"ע נאך זיין שוועסטער הרבנית א"ח הרה"ג ר' הערשל האלבערשטאם שליט"א אבד"ק בני תורה צאנז בן האדמו"ר מ'צאז-גריבוב שליט"א.

אויפן ארט זענען געזיצן הרה"ג ר' הערשל האלבערשטאם שליט"א אבד"ק בני תורה צאנז, און זיינע שוואגער'ס הגה"צ מ'קאלביסאב שליט"א און האדמו"ר מ'מאשאלוי שליט"א, און אויך האט זיך דארט געפונען האדמו"ר מ'צאז-גריבוב שליט"א, און עס האט זיך פארמירט א שיינער שמועס פון די אבות הק' לבית צאנז און נאך.

~•~

פון דארט איז דער רבי שליט"א געפאהרן אויף וויליאמסבורג ווי דער רבי שליט"א האט באשיינט די מעמד קביעות מזוזה אינעם נייעם פליגעל אינע'ם בנין פון מוסד "המספיק", ווי דער רבי שליט"א האט קובע געווען די מזוזה און דערנאך איז פאהרגעקומען א מסיבת לחיים.

ביי די לחיים האט קודם אויפגעטרעטן דער אנפירער פונעם מוסד הרה"ח ר' מאיר ווערטהיימער הי"ו וועלכער האט ארויסגעברענגט די זכרונות וואס ליגט אונז נאך אין די ביינער וויפיל מרן רביה"ק זי"ע בעל ברך משה האט זיך אוועקגעגעבן פאר די ספעציעלע קינדער.

דערנאך האט מרן רבינו שליט"א משמיע געווען דברות קודש איבער די גרויסקייט פון טוהן פאר די קינדער, און מאציל געווען ברכת קדשו.

~•~

שפעטער אויפדערנאכט האט דער רבי שליט"א מפסיק געווען מיטן געזעגענען דעם ציבור און געגאנגען מנחם אבל זיין משפחת ווערצבערגער החשובה שיחיו בני הרה"ח הישיש המרומם מוה"ר ר' יקותיאל הערש ווערצבערגער ז"ל, ווי עס איז פארמירט געווארן א שמועס איבער די ימי' שנות הזעם וואס איז אדורך אויף מרן רביה"ק זי"ע בעל ברך משה, און ווי דער רבי זי"ע האט זיך קיינמאל

נישט מתרעם געווען אדער גערעדט פון בני משפחתו בזוו"ר די אלע יאהרן.

דער רבי שליט"א האט ערוועהנט אז איין מאהל האט זיך דער רבי ז"ל אויסגעדרוקט "דריי קינדער האבן זיי מיר אויסגעהרג'ט – איך ווייס נישט וואס כאב זיי געטאהן"...

נאכ'ן מנחם זיין די אבלים האט דער רבי שליט"א ממשיך געווען מיט'ן אויפענעמן דעם ציבור אנ"ש ביז אין די גאהר שפעטע שעה'ן.

ᘛ•ᘚ

היינט אינדערפרי האט דער רבי שליט,א געדאווענט שחרית אין ישיבה גדולה – שיעור ד', און נאכ'ן דאווענען איז פאהרגעקומען דער ברית לבן הנולד לר' יושע ביקעל הי"ו איידעם פון הר"ר ישראל הערש רייך הי"ו ר"מ בישיתיה"ק, און דערנאך איז פאהרגעקומען א מסיבת לחיים ווי דער רבי שליט"א האט משמיע געווען דברות קודש – דברי החתזקות צום התחלת הזמן פאר די בחורי חמד תלמידי הישיבה.

ᘛ•ᘚ

## הגה"צ אבד"ק דקהלתינו וומסב"ג שליט"א ערוואַרטעט מיט עקסטאַז בתוככי עיר אנטווערפן אויף שב"ק הבעל"ט

אצינד איז געמאלדן געווארן אז הגה"צ אבד"ק דקהלתינו וויליאמסבורג שליט"א איז נעתר געווארן לבקשת הנהלת קהלתינו הק' אין אנטווערפן, און דער רב שליט"א וועט אי"ה ווילן אין אנטווערפן אויף שב"ק הבעל"ט און פראווען א שבת בתוככי קהלתינו הק'.

אי"ה זונטאג פ' בחקותי הבעל"ט וועט געפראוועט ווערן א מעמד הנחת אבן הפינה ברוב פאר והדר בראשות דעם רב שליט"א צום בנין בית מדרשינו הגדול והחדש.

צו דער געלעגנהייט פאהרט אויך אויף שב"ק הבעל"ט א ספעציעלע דעלעגאציע פון ראשי ומנהלי קהלתינו הק' פון איבעראל וועלכע וועלן באשיינען דעם מעמד אבן הפינה אין אנטווערפן.

מערערע פרטים איבער דעם געהויבענעם שב"ק און דער נאכפאלגענדער מעמד הנחת אבן הפינה וועט אי"ה נאכפאלגן.

***-אבן מאסו הבונים היתה לראש פינה-***

ᘛ•ᘚ

## הכנות צום יערליכען "בוני עולם" דינער אין בארא פארק

עסקני קהלתינו הק' אין בארא פארק פיבערן אין די טעג מיט הכנות צום גרויסארטיגען יערליכען דינער לטובת דעם הייליגן מוסד בוני עולם וועלכע קומט אי,ה פאהר דעם קומענדיגן וואך דינסטאג אין די זאלן פון בנין בית רחל.

אין די טעג ווערן אפגעראכטן מסיבות הכנה אין די שטובער פון אברכים ועסקנים חשובים דקהלתינו הק', און אזוי אויך גייען עסקנים ארום צווישן אנשי שלומינו אפצונעמען באגריסונגען צום דזשורנאל.

ᘛ•ᘚ

## ניחום אבלים

מוה"ר שמואל אייזענבאך הי"ו זיצט שבעה נאך זיין פאטער הרה"ח ר' יוסף דוד ב"ר שניאור זלמן ע"ה פון ירושלים עיה"ק, ביז זונטאג אינדערפרי.

ער זיצט שבעה אין זיין שטוב אויף 225 דיוויזשאן
עוו. אין וויליאמסבורג אפט. 4-C

***ובלע המות לנצח***
***-בשורת טובות-***

דער אימעיל פונעם מערכת פאר קאמענטארן, נייעסן, בילדער,
און וויאזוי אויך ארויפצוגיין אויף אונזער רשימה איז:
**BechatsrosSatmar@Gmail.com**

ארויפצוגיין אויף אונזער ליסטע, אדער אראפצוגיין
מוז אריינגעשיקט ווערן א אימעיל אדרעס מיט א נאמען
פונעם ערהאלטער פון יענער אדרעס און שטאט ווי מען וואוינט.